# אַ פָּסוּק חוּמָשׁ
## חיזוק פאר די וואך

**תמצית הגליון:**
הויפט מאמר
מוסר השכל
צידה לדרך
מעשה רב

**וּשְׂמַחְתֶּם לִפְנֵי ה׳ אֱלֹקֵיכֶם שִׁבְעַת יָמִים**

בעזהשי"ת ▪ חג הסוכות תשפ"א ▪ גליון צג׳


# פארוואס טאנצט מען?

דער אינהאלט און דער באדייט פון...

## דעם פרייליכן יום טוב סוכות!

**וַתִּתֶּן לָנוּ ה׳ אֱלֹקֵינוּ בְּאַהֲבָה מוֹעֲדִים לְשִׂמְחָה חַגִּים וּזְמַנִּים לְשָׂשׂוֹן אֶת "יוֹם חַג הַסֻּכּוֹת הַזֶּה זְמַן שִׂמְחָתֵנוּ"...**

ב"ה, דער יו"ט סוכות איז שוין דא! די פרייליכקייט שפירט זיך אין די לופטן! און ניין, דאס איז נישט קיין דמיון, נאר אזוי רופט מען אן דעם יום טוב... ווי מיר זאגן ביים דאווענען און ביי קידוש "**אֶת יוֹם חַג הַסֻּכּוֹת הַזֶּה זְמַן שִׂמְחָתֵנוּ**"... לאמיר זיך אביסל מתבונן זיין, פארוואס איז מען אזוי פרייליך יעצט? מיט וואס איז דער יו"ט אנדערש פון סיי וועלכע יו"ט?

דערציילט א איד אז איינמאל שבועות ביי די סעודה איז ער געווען גוט אויפגעלייגט און האט זיך גענומען זינגען דעם באקאנטן ניגון "**ושמחת בחגיך והיית אך שמח**", טראכטנדיג צו זיך אז "היינט איז דאך יו"ט און יו"ט דארף מען זיין פרייליך!" נו, לאמיר זינגען... אבער צו זיין וואונדער, האט קיינער נישט מיטגעזינגען! אדרבה, יעדער האט אים נאר אנגעקוקט און זיך געוואונדערט, "פארוואס זינגט ער יעצט דער ניגון? עס איז נישט סוכות היינט??"

דער איד טראכט צו זיך! "אמת, היינט איז נישט סוכות, אבער עס איז דאך פארט איינע פון די שלש רגלים, און דער חינוך פסק'נט (מצוה תפ"ח) **מצוה לשמוח ברגלים**, אלע שלש רגלים זענען דאך איניג מיט דעם אז מען דארף זיין פרייליך, פארוואס פאסט נישט צו זינגען דער ניגון??" איינע פון זיינע קינדער ברענגן א חומש נאכצוקוקן דעם פסוק... דער איד עפנט דעם חומש און יא! דער פסוק געפונט זיך אין פרשת ראה, (טז יד) ווי עס שטייט **וְשָׂמַחְתָּ בְּחַגֶּךָ אַתָּה וּבִנְךָ וּבִתֶּךָ...** גלייך נאכן פסוק פון **חַג הַסֻּכֹּת תַּעֲשֶׂה לְךָ שִׁבְעַת יָמִים בְּאָסְפְּךָ מִגָּרְנְךָ וּמִיִּקְבֶךָ.**

**אבער זיצנדיג מיטן חומש**, באמערקט ער אז דריי פסוקים פריער ווען עס רעדט זיך פון דעם יום טוב שבועות, שטייט אויך "**וְשָׂמַחְתָּ לִפְנֵי ה׳ אֱלֹקֶיךָ**"... אמת, עס שטייט נישט די ווארט "בחגיך" אבער דער מצוה פון "**ושמחת**" שטייט דארט פונקט אזוי...

דער קליינע יונגל הערט דעם טאטע'ס דילעמע און רופט זיך אן "טאטע, אבער וואו שטייט "**והיית אך שמח**"??? נאר ביי סוכות! מען קען זינגען ושמחת אבער **וְהָיִיתָ אַךְ שָׂמֵחַ...** דאס קען מען נאר זיגנען סוכות..."

מיט וואס איז דער יו"ט אנדערש פון סיי וועלכע יו"ט? פארוואס דארף מען זיין אזוי פרייליך?

## לאמיר לערנען א פסוק חומש און באקומען חיזוק פאר די הייליגע יום טוב....

### וּשְׂמַחְתֶּם לִפְנֵי ה׳ אֱלֹקֵיכֶם שִׁבְעַת יָמִים

(ויקרא כג, מ)

דער פסוק ווערט געברענגט אין רמב"ם סוף הלכות לולב (פ"ח הלכה יב׳), ווי דער רמב"ם זאגט: **אף על פי שכל המועדות מצוה לשמוח בהן. בחג הסוכות היתה במקדש יום שמחה יתירה, שנאמר "ושמחתם לפני ה׳ אלקיכם שבעת ימים"**. ד"מ: כאטש וואס ביי אלע ימים טובים גייט אן דער מצוה פון שמחה, איז דער יו"ט פון סוכות געווען א ספעציעלע טאג פון שמחה אינעם בית המקדש... שנאמר: **וּשְׂמַחְתֶּם לִפְנֵי ה׳ אֱלֹקֵיכֶם שִׁבְעַת יָמִים...**

דער רבינו מנוח ברענגט דארט א ראיה אויפן רמב"ם, כדכתיב: **וְשָׂמַחְתָּ בְּחַגֶּךָ אַתָּה וּבִנְךָ וּבִתֶּךָ...** (דברים טז, יד׳)

און אויב קוקט מען ביים סוף פונעם קומענדיגן פסוק (דברים טז, טו), וועט מען טרעפן די ווערטער **שִׁבְעַת יָמִים תָּחֹג לַה׳ אֱלֹקֶיךָ -"וְהָיִיתָ אַךְ שָׂמֵחַ"**... קומט אויס א ס"ה פון דריי מאל וואס עס ווערט דערמאנט דער לשון פון שמחה ביי דעם יו"ט פון סוכות.

דערפאר, איז סוכות געווען א מורא'דיגע שמחה אין בית המקדש. ווי דער רמב"ם איז דארט ממשיך מבאר צו זיין די סדר הדברים פון דעם געוואלדיגן שמחת בית השואבה וואס איז אנגעגאנגן יעדע נאכט פון חוה"מ...

אבער דעם טעם און דער אינהאלט פונעם שמחה ווייסן מיר נאך אלץ נישט!!

פרעגט דער ילקוט שמעוני (ויקרא, תרנד): וואס איז פשט פון דעם שינוי הלשון? פארוואס ביי סוכות שטייט דריי מאל דאס ווארט שמחה, משא"כ ביי שבועות שטייט נאר איין מאל און ביי פסח געפונען מיר קיין איין מאל אויך נישט?!

~

## ירושלים עיה"ק חוה"מ סוכות

### שנת ג' אלפים, תשמ"ג

**87 יאר פארן חורבן -דער תקופה פון הלל הזקן**
(עי' בהערות[א])

אין איינע פון די ירושלים'ער געסלעך, זיצט ר' שמריה מיט זיין משפחה און פארברענגט געמיטלעך אין זייער סוכה'לע. זיי האבן נארוואס געענדיגט די סעודת יום טוב און דער עולם פרובירט צו כאפן א דרימל פונעם אויסגעמאטערטן טאג. פלוצלינג, שיינט אריין א שטארקע לעכטיגקייט און די גאנצע געגנט ווערט אויפגעלאכטן. דער קליינע יהודה'לע לויפט שנעל צו זיין טאטע און זאגט "טאטע, קום קוקן! דער אייבערשטער האט אנגעצינדן דעם זוהן אינמיטן נאכט!"

"אוי ווי! געט ער א געשריי, **מען האט שוין אנגעהויבן!!!**" ר' שמריה איז מסביר, "מיין קינד, דאס איז דער שיין פון די פיר גרויסע הויכע מנורות וואס מען האט יעצט אנגעצינדן אינעם בית המקדש. די שמחת בית השואבה האט זיך שוין אנגעהויבן! לאמיר שנעל גיין..." ר' שמריה כאפט זיין שטריימל און קאפטן און הייבט אן לויפן. זיין ווייב און קינדער לויפן אים נאך, קיינער וויל נישט פארפאסן קיין איין מינוט פון דעם גרויסן שמחה...

"טאטע", שרייט דער קליינע יהודה'לע, "די שטארקע ליכט מאכט מיר אזוי פריילעך!" "יא יא", זאגט דער טאטע, "דאס איך דאך איינע פון די טעמים פארוואס דער יו"ט הייסט "**זמן שמחתינו**"![ב]

"קינדער, קומט אביסל שנעלער, דער מוזיק שפילט שוין פעסט, מען קען שוין הערן דעם זיסן קול פונעם "**חליל**", עס הערט זיך מיילן ווייט[ג]..." יהודה'לא שרייט מיט עקסטאז, "טאטע קוק, עס גייט אזא גרויסע עולם, עס שטראמען מענטשן פון אלע זייטן!" "אודאי, אודאי", זאגט ר' שמריה, "ווער וויל דען פארפאסן אזא רירענדיגע מעמד פון זעהן ווי די גדולי ומאורי התורה, רבנים און ראשי ישיבות, אלע טאנצן אינאיינעם פרייליכערהייט..."

ר' שמריה מיט זיינע קינדער שלעפן זיך ארויף דעם הר הבית און אט שטייען זיי אינדרויסן פונעם חצר. קוים קוים וואס זיי קענען אריין, דער עזרת נשים איז געפאקט, מענער פון אונטן און פרויען פון אויבן. דער עולם שטייט ארום, יעדער וויל זעהן, יעדער וויל הערן און זיך מיטפרייען מיט דער גרויסע שמחה. מען קען זעהן די לווים שטייען אויסגע'שורה'ט אויף די פופצן טרעפ און שפילן אזעלכע הייליגע ניגונים...

צווישן די גדולים און ראש ישיבות וואס טאנצן אינדערמיט... געפונט זיך אויך דער אב"ד **שמאי הזקן**, אן עלטערע איד אין די ניינציגע יארן, זיין פנים ברענט ווי א פייער... אויך קען מען זעהן דער גרויסע נשיא **הלל הזקן**, א זקן מופלג פון 95 יאר אלט[ד], ארום גענומען מיט זיינע הייליגע תלמידים, דער גרויסער צדיק וקדוש **יונתן בן עוזיאל** און דער גרויסע גאון און תלמיד חכם **ר' יוחנן בן זכאי**[ה]. רינג נאך רינג איז אנגעפילט מיט חסידים יראים ושלמים וואס טאנצן און פרייען זיך מיט א זעלטענע הייליגקייט....

ר' שמריה כאפט אן התעוררות און פרובירט אריינגיין אינעם רינג און מיט-טאנצן מיט די גדולים. ער שטופט זיך אבער די עסקנים לאזן נישט, "אנטשולדיגט ר' איד", זאגן אים איינע פון גבאים, "נישט יעדער קען דא טאנצן, מען דארף זיין זייער חשוב אין הייליג צו קענען אריינגיין אין דעם רינג. ר' איד, איר קענט זיך מיט-פרייען פון אינדרויסן[ו]..."

זיין חבר עובדיה שטייט פון דערוויטנס און זעהט וואס דא גייט פאר. ער שפירט שלעכט פאר זיין חבר און פרובירט אים ווינקן כדי צו מסביר זיין פשט אבער עס איז ממוש אוממעגליך, דער פלאץ איז אזוי אנגעשטאפט און געפאקט אז ער קען אפי' נישט אנקומען נאנט צו אים...

---

[א] **הלל הזקן האט געלעבט אין דער תקיפה פון בית שני**, וואס איז געווען אינעם אלף השלישי, בערך 100 יאר פארן חורבן, פון ג"א שנת תרמ"ח ביז ג"א שנת תשס"ח. ער האט געלעבט גאנצע 120 יאר. (עי' בספרי פ' וזאת הברכה וכן הוא במדרש רבה פרשה ק'.) ביי די 40 יאר, איז ער ארויף קיין ארץ ישראל פון בבל. נאכן לעבן דארט 40 יאר ווי א תלמיד, **איז ער געווארן דער מנהיג און נשיא פון די אידן ביי די אכציג יאר** פאר די לעצטע 40 יאר פון זיין לעבן. (בדרך אגב, געפונען מיר א ס"ה פון פיר מענטשן וואס האבן געלעבט 120 יאר: משה, הלל, זיין תלמיד ריב"ז און רבי עקיבא). **עס איז מסתבר אז שמאי הזקן האט אויך געלעבט אזוי לאנג וויבאלד מען רופט אים אויך אן "שמאי הזקן"** אזוי ווי הלל הזקן בפרט ווען ער איז געווען דער אב"ד פון הלל בזמנו...

**שנת ג' אלפים תשמ"ג:** צוויי יאר נאך הורודת האט פארברייטערט דעם חצר אינדרויסן פונעם חיל (שהיתה בשנת ג"א תשמ"א, 89 יאר איידער דעם חורבן בית המקדש שני וואס איזליידער חרוב געווארן דורך די רומיים בשנת ג' אלפים תת"ל.) לויטן חשבון אז הלל איז נפטר געווארן תשס"ח, איז דאס 25 יאר פריער, וואס לויטן חשבון איז ער דעמאלטס אלט געווען 95 יאר..

[ב] עי' במהרי"ל (הלכות סוכה עמוד ק"ד,) נשאל למהר"י סגל, מ"ש סוכה דאומר שמחתינו יותר משאר רגלים. **ואמר דהיתה בה שמחה יתירה שמדליקין ד' מנורות שהיו מאירין בכל ירושלים.**

[ג] עי' בתפארת ישראל בפי' המשניות (סוכה פרק ה' משנה א') **ואף דכלי זמר הרבה היו שם, עכ"פ קול החליל נשמע ביותר, ובו מתחילין ומסיימין, לפיכך נקרא כל הזמר על שמו.**

[ד] עי' לעיל בהערה א'.

[ה] תנו רבנן שמונים תלמידים היו לו להלל הזקן... גדול שבכולן יונתן בן עוזיאל קטן שבכולן רבן יוחנן בן זכאי... (עיי"ש באריכות סוכה כח. את גודלן וצדקתם)

[ו] **עי' תוס' יו"ט פי' המשניות ד"ה חסידים** כו'. ולא היו עושין אותן עמי הארץ וכל מי שירצה אלא גדולי חכמי ישראל וראשי ישיבות וסנהדרין והזקנים ואנשי מעשה הם שהיו מרקדים ומספקים ומנגנים ומשמחין במקדש בימי חג הסוכות אבל כל העם האנשים והנשים כולן באין לראות ולשמוע. (הר"מ הלכות לולב פ"ח הלכה יד')

ר' שמריה ווערט אבער נישט פארלוירן, ער איז ממשיך מיטן שעפן חיות, שמחה און התעוררות יעדע רגע.

**חֲסִידִים וְאַנְשֵׁי מַעֲשֶׂה הָיוּ מְרַקְּדִים לִפְנֵיהֶם בַּאֲבוּקוֹת שֶׁל אוֹר שֶׁבִּידֵיהֶן, וְאוֹמְרִים לִפְנֵיהֶן דִּבְרֵי שִׁירוֹת וְתִשְׁבָּחוֹת.**
(המשך המשנה שם סוכה נא:)

א געפאקטער עולם שטייט ארום, יעדער וויל זעהן און הערן וואס די צדיקים זאגן, זיי אלע זינגען די זעלבע ניגון אבער זייערע ווערטער זענען עפעס אנדערש.

ר' שמריה בייגט זיך צו און פרובירט צו הערן וואס **דער אלטער חסיד ר' חזקאל** זינגט זיך אונטער. ר' שמריה טראכט צו זיך, "איי, אזא צדיק, נאך פון קינדווייז אן איז ער אייביג געזעצן און געלערנט פלייסיג, אן עובד ה' באמת." ער הערט ווי דער חסיד זינגט זיך אונטער, "ווי גליגלעך זענען מיר אז מיר האבן אויסגענוצט אונזערע טעג ווי עס דארף צו זיין. **געלויבט זענען מיינע יונגע יארן וואס האבן נישט פארשעמט מיינע עלטערע יארן.**"

דער קליינער יהודה'לע שטייט נעבן זיין טאטען און זעהט ווי ער ווערט אזוי נתפעל פון די ערליכע געזאנג פון דער חסיד. ער געבט א געשריי, "טאטע, וואס זאגט איינער וואס איז נישט אייביג געווען אזוי ערליך ווי אים?"

ר' שמריה פארלירט זיך נישט און זאגט פאר זיין זוהן, "נו, אדרבא, גיי הער זיך צו וואס **דער חסיד עזריה** זאגט, ער איז אויך זייער א גרויסע צדיק אבער איז נישט געווען אזוי אייביג..." דאס קינד ריקט זיך צו און הערט ווי הרב עזריה זאגט, "**אהו! געלויבט זענען מיינע עלטערע יארן וואס האבן פארמעקט מיינע אינגע יארן**."

דאס קינד האלט נאך אינמיטן אריינטראכן אין די ווערטער ווען פלוצלינג זעהט ער ווי ר' יחזקאל און ר' עזריה כאפן זיך אן ביי די האנט און טאנצן אינאיינעם, בעת וואס זיי זינגען צוזאמען, "איי איי! **וואויל איז דער מענטש וואס האט נישט געזינדיגט! און ווער עס האט יא געזינדיגט, זאל נישט זיין פאר'דאגה'ט, נאר תשובה טוהן און מען וועט אים באלד מוחל זיין...**"

דאס קינד לויפט שנעל צום טאטען און זאגט, "טאטע דו הערסט וואס זיי זאגן? יעדער האט א מעגליכקייט צו זיין וואויל!!! קיינער איז נישט פארפאלן..."

## דער דרשה פונעם נשיא!

"שא שא..." הערט מען פלוצלינג שרייען, "דער נשיא (הלל הזקן) וויל עפעס זאגן..." דער זאל ווערט גענצליך שטיל, דער עולם וויל הערן וואס ער גייט זאגן. דער נשיא הייבט אן, "אידן, זייטס פרייליך **ווייל איך בין דא! יעדער איינער קומט דא טאנצן ווייל איך בין דא! וואלט איך נישט דא געווען, ווער וואלט דען דא געקומען טאנצן?**" (עי' במסכת סוכה נג.)

שמריה שטייט שאקירט, ער שטופט זיך אדורך דעם עולם און זוכט זיין חבר עובדיה. "עובדיה, דו מוזט מיר דאס מסביר זיין, איך וויל חלילה נישט זיין קיין מהרהר אחר רבי, ובפרט אויף אזא אדם גדול מאוד, דאס גרעסטע וואס כלל ישראל פארמאגט, אבער וואס האט דער נשיא געמיינט צו זאגן מיט די ווערטער "**אויב איך בין דא איז יעדער דא!**" עס איז בכלל נישט דער דרך פון אונזער נשיא אזוי צו רעדן! עס איז דאך באקאנט אלץ דער שפיץ פון ענוה!"

עובדיה געבט אים צו פארשטיין, "מיין טייערע חבר, הא גופא טאקע, אז דו זעהסט אזא סתירה, וואלסטו אליין געדארפט טראכטן אז דאס איז נישט קיין פשוט'ע ווערטער... קום לאמיר דאס גיין מברר זיין ביי זיינע נאנטע תלמידים און פרעגן וואס איז פשט..."

די תלמידים זענען מסביר, "דאס איז נישט קיין פשוט'ע ווערטער, נאר דער כוונה איז זייער טיף. דער נשיא רעדט אינעם נאמען פונעם הייליגן באשעפער, ווי גלייך כביכול זאגט דאס. כלומר, דער הייליגער באשעפער זאגט יעצט פאר כלל ישראל, "טייערע אידן, איר זענט יעצט אזוי הייליג און ריין בעת איר פריידט זיך אזוי אין מיין בית המקדש. דעריבער, וויל איך אייך אנווארענען אז איר זאלט אייביג אכטונג געבן אויף אייער הייליגקייט!"

**אם אני כאן**, אויב רוהט מיין כבוד דא, דהיינו איר זינדיגט נישט, **הכל כאן**, וועט איר אלע ווייטער קענען קומען דא און יונק זיין כל מיני ברכות און ישועות ברוחניות און בגשמיות.

אויב אבער חלילה **אין אני כאן**, דהיינו איר וועט חלילה זינדיגן און דאס וועט גורם זיין אז כביכול זאל נישט קענען ווייטער משרה זיין זיין שכונה דא, דעמאלטס **מי כאן**, וועט איר אלע אויך נישט קענען קומען דא מער, ווייל דאס ביהמק"ד וועט חרוב ווערן. (פי' רש"י)

"**דאס זענען מורא'דיגע ווערטער**! דו הערסט שמריה, מען דארף קענען אפלערנען ריכטיג די רייד פון די הייליגע תנאים" זאגט עובדיה. זיי דרייען זיך אויס צוריק צוגיין... ווען עס רופט זיך אן א צווייטע תלמיד, "און יעצט לאמיר אייך זאגן נאך א פשט, הלל האט יא זיך געמיינט, אבער נישט זיך ממש, נאר **בשם כל ישראל**. און דאס איז דער גרעסטע שבח פארן אייבערשטער, כלומר **אם אני כאן**, אויב בין איך הלל דהיינו כלל ישראל דא אין בית המקדש, דיר צו דאנקן און לויבן, דעמאלטס **הכל כאן**, איז אזוי ווי דער גאנצע וועלט איז דא, ווייל דאס גרעסטע שבח פארן אייבערשטער איז ווען כלל ישראל לויבט אים."

די צוויי שטייען בהעלם, אזעלכע הייליגע ווערטער... שמריה הייבט אן וויינען!! "לאמיר דיר זאגן", זאגט אים שמריה, "איך שטיי שוין דא עטליכע שעה און איך זעה די געוואלדיגע שמחה, די געוואלדיגע התעוררות, אבער פארוואס דארף אלעס צוגיין מיט אזא נעגאטיוויט"י, אנגעהויבן מיטן טאנצן און געענדיגט מיט די דרשות...?"

"פארוואס נאר די חשוב'ע אידן, רבנים און דיינים מעגן טאנצן? פארוואס מעג איך נישט טאנצן אינדערמיט? פארוואס דארף אלע דרשות, שירות ותשבחות גיין אויף די זעלבע מהלך פון "נישט זינדיגן"... און "ווער עס זינדיגט, זאל תשובה טוהן." איז דען נישט יעצט "זמן שמחתינו"...

"וואס וויל מען פון מיר? איך האלט שוין נאך א גאנצע חודש פון תשובה, עס איז שוין אדורך אן אלול, א ראש השנה, עשי"ת און א יום כיפור, מען האט מיר שוין אלעס מוחל געווען! וואס איז יעצט? אויף וואס דארף מען שוין ווייטער תשובה טוהן?"

"אך... וואס זאל איך דיר זאגן, מיין טייערע חבר שמריה. דו לערנסט נישט גוט אפ דער גאנצע זאך, די תשובה פון וואס מען רעדט יעצט איז עפעס גאר אן אנדערע, דאס איז נישט דער זעלבע תשובה פון גאנץ חודש אלול און אויך נישט דער זעלבע תשובה פון ר"ה און יוה"כ..."

"דא רעדט פון א תשובה וואס קומט פון א טיפע ליבשאפט, א תשובה וואס איז נישט מעגליך צו פארשטיין, כל זמן וואס עס איז נאך דא אין דיר סיי וועלכע אנדערע ליבשאפט... מיר שרייען דא אויס "די ליבשאפט איז אזוי גוט, ווער וויל דען זינדיגן..."

"דערמאן זיך גוט, ווי אזוי דו האסט אויסגעקוקט פאר די הייליגע טעג, קוים וואס מען האט געקענט רעדן מיט דיר, דו ביסט געווען פארהאקט און פארקנאקט, פאריאגט און פארפלאגט מיט דיינע גשמיות'דיגע געברויכן. שטעלט זיך פאר אז איך קום דעמאלטס צו דיר און איך פרעג דיר אויב דו ווילסט אוועקנעמען א וואך צייט זיך צו מתבודד זיין, זיך אפהאקן פון דיינע גשמיות'דיגע געברויכן און זיך מקשר זיין מיטן אייבערשטען... דו וואלסט מיר זיכער דעמאלטס אויסגעלאכט, "וואס? ווען? איך האב נישט קיין כח!" **אבער דייקא יעצט, ווען דו ביסט שוין אדורך א חודש אלול, א ראש השנה, א יום כיפור, הערשט יעצט קענסטו הערן וואס מען רעדט צו דיר...**" (ספה"ק)

"שמריה, אודאי געדענקסטו דער הערליכע באגלייטן מוצאי יום כיפור, ווי טויזנטע אידן זענען געשטאנען אויסגע'שורה'ט און געזינגען און געפאטשט פארן כהן גדול..."

"אודאי, אודאי, ווער קען דאס פארגעסן, עובדיה, דאס איז געווען עפעס ספעציעל שיין. די פרייליכקייט וואס האט דארטן געהערשט איז עפעס וואס מען קען נישט פארגעסן. איך געדענק נאך ווי נעבן מיר איז געשטאנען בערל דער בעל עגלה און געטאנצט און געפאטשט, "**אשרי העם שככה לו אשרי העם שה' אלקיו**", בעת וואס טרערן האבן זיך געגאסן פון זיינע אויגן..."

"בערל דער בעל עגלה, אוי, האט ער געטאנצט און געפאטשט, "**אשרי העם שככה לו אשרי העם שה' אלקיו**", בעת וואס טרערן פון זיינע אויגן האבן זיך געגאסן...

"יעצט לאמיר דיר פרעגן שמריה, פארוואס האט ר' בערל אזוי געוויינט? איז ער געווען בשמחה אדער בעצבות? דער תירוץ איז זייער פשוט... ער איז געווען בשמחה, זייער בשמחה! זיינע טרערן זענען נישט געווען פון חרטה געפילן ווי גלייך ער וואלט געזאגט, "**אוי, ווי נישט גוט איך בין**". נאר דאס זענען געווען הייסע ווארימע טרערן פון תשובה מאהבה וואס שרייעט און בעט זיך ביים רבוש"ע, "**איך וויל זיין נאנט צו דיר און איך וויל נישט עפעס אנדערש!**" און טאקע יעצט, נאך אזעלכע הייליגע טעג ווי ראש השנה און יום כיפור ווען מען האט געשפירט דער אייבערשטער'ס נאנטשאפט, וויינט דער בעל עגלה אז ער האט געהאט אזא הנאה און "**ער וויל זיך נישט שיידן פונעם אייבערשטען...**"

## וואס איז דער עצה דערצו?
## שמחה של מצוה!

"שישמח אדם בעשיית המצוה ובאהבת הקל". (רמב"ם שם הלכה טו)
**אין די יעצטיגע טעג, זאל מען איינקויפן ווי מער שמחה און הנאה פון די קירבת אלקים און מצוות ה', טוהן און טוהן די מצוות ה' מיט שמחה!**"

און יא, דאס איז דער תשובה! מען איז ממשיך א תשובה מאהבה פון די הייליגע טעג, נישט אזא סארט תשובה ווי דער שופר וואס שרייט "**עורו ישינים משנותכם**" ווייל מיר זענען שוין לאנג אויף! נאר א פיל העכערע תשובה, א תשובה וואס שרייט "**טאטע, איך דארף גארנישט אויסער דיר**! מיין גרעסטע הנאה ביסטו און קיין שום גשמיות'דיגע הנאה וועט נישט אוועקנעמען די הנאה פון זיין נאנט צו דיר."

דער הייליגער ישמח ישראל זאגט: **מנהג ישראל לזמר פיוטים של יוה"כ בליל שמחת בית השואבה**, פארוואס? ווייל ביידע זאגן די זעלבע זאך. פונקט ווי די טרערן וואס מיר האבן פארגאסן דעם הייליגן טאג יום כיפור טוט מתקן זיין אלע שלעכטע טרערן, אזוי טוט דער שמחה פון שמחת בית השואבה מתקן זיין אלע אנדערע סארטן שמחות און הוללות פון א גאנץ יאר וואס איז נישט געווען לפי רצון ה'.

לפי"ד, קען זיין אז דאס גופא איז דער כוונה. דאס וואס מיר פרייען זיך יעצט מיט די רוחניות'דיגע מצוות און מיר ווילן נישט קיין גשמיות, דאס אליין טוט אנטפלעקן ווער מיר זענען באמת און וואס מיר ווילן באמת, ועי"ז זענען מיר מתקן אלע אנדערע פאלשע הנאות און שמחות.

מיט דעם קען מען פארשטיין פארוואס דייקא סוכות איז דא דער מצוה פון זיצן אין א סוכה און נישט פסח ווען עס איז דער זמן ווען דער נס האט זיך אנגעהויבן, ווייל לפי"ד איז דאס זייער פשוט, **דער ענין צו דערהערן אז מיר דארפן גארנישט פון אונזערע שטובער און מיר ווילן נאר זיין נאנט מיטן אייבערשטען אליין, דאס קען מען נאר דערהערן אינעם יום טוב סוכות נאך אזעלכע הייליגע טעג...**

ווי דער חיד"א שרייבט (ספר שמחת הרגל לימוד א' לחג הסוכות): **די ציל פון די מצות סוכה איז כדי מיר זאלן קענען פאריענדיגן די תשובה וואס מיר האבן אנגעהויבן אין די עשרת ימי תשובה...** און ממשיך זיין און אריין נעמען אין געדאנק אז דער גשמיות איז נאר צייטווייליג און רוחניות איז דער עיקר.

## פארוואס האבן נאר די חסידים ואנשי מעשה געמעגט טאנצן?

זאגט דער ריטב"א (סוכה נג.): **והוי יודע שכל השמחה היתירה**

היתה בהלל ולהודות לה' **"על הטובה שעשה לישראל להשרות שכינתו בתוכנו, וגם כנגד העולם הבא הניתן לצדיקים"**. דער גאנצע שמחה וואס האט זיך אפגעטוהן אין בית המקדש בעת שמחת בית השואבה איז נאר געווען כדי צו דאנקן און לויבן דעם אייבערשטען אויף דעם וואס ער האט אונז געגעבן דעם געוואלדיגן מתנה און זכיה פון **אני כאן**! אז דער אייבערשטער רוהט צווישן אונז און מיר קענען זיין נאנט צו אים. ווי הלל האט געזאגט, **"אם אני כאן, הכל כאן"**, אויב דער אייבערשטער איז צווישן אונז אינעם בית המקדש, הכל כאן, דאס ברענגט אז יעדער זאל דארט קומען און זיך דערהייבן...

ווי מער דער מענטש געבט אויף פון זיינע גשמיות'דיגע הנאות און טוט זיך מבטל זיין לה' ולתורתו, אלץ מער שפירט מען דעם קירבת אלקים. און ווי מער מען גליסט און מען וויל דעם קירבת אלקים, אלץ גרעסער איז דער שמחה וואס מען שפירט ווען מען איז נאנט צום אייבערשטערן.

משא"כ, אזא איינער וואס האט נאך א משיכה צו אנדערע סארטן הנאות, און קירבות אלקים איז נאך נישט זיין גרעסטע הנאה, קען נישט דער שמחה דערגרייכן ביי אים צו פיל. יא, עס קען זיין אז ער וועט האבן א רוחניות'דיגע געשמאק, אבער נישט עד כדי כך אז ער זאל זיך לאזן טאנצן עד כלות הנפש, בלויז פאר קירבת אלקים און זוכה זיין צו רוח הקודש ממוש[1]. און וויבאלד דאס איז נישט זיין עיקר שמחה, קען זיין שמחה גרינגערהייט פארטוישט ווערן פון אן אמת'ע פנימיות'דיגע שמחה צו א שמחה פון הוללות...

זאגט דער ריטב"א: **ולפיכך לא היה אלא ע"י גדולים וחסידים שלא יראה כקלות ראש וכשמחת בחורים.**

דערפאר, האט מען נישט ארייגעלאזט ר' שמריה אין דעם הייליגן רינג אינעם הייליגן בית המקדש. מען האט נאר אריינגעלאזט אזא איינער וואס זיין שמחה האט געהאט די פילסטן משמעות ווי ר' יוחנן בן זכאי...

אבער זיך מיטפרייען און מיטטאנצן, דאס האט יעדער געקענט! און אדרבה, ווי מער דער עולם האט געזעהן פון די צדיקים וואס מיינט אן אמת'ע שמחה, האבן זיי קונה געווען וואס עס מיינט צו טאנצן נאר למען כבוד שמו יתברך און געקענט ארייננעמען אין זיך אמת'ע שמחה פאר א גאנצן יאר.

## צידה לדרך

שלמה המלך זאגט אין קהלת: **"עת רקוד"**. האט דער חידושי הרי"ם מדייק געווען אז דער פסוק זאגט נישט **"עת לרקוד"** וואס וואלט געמיינט "א צייט וואס מען דארף גיין טאנצן", נאר **"עת רקוד"**, עס איז דא א צייט וואס עס טאנצט זיך פון זיך אליין. ווען איז א שמחה בשלימות? ווען עס טאנצט זיך פון זיך אליין, אויב דארף מען הייסן טאנצן איז דאס שוין נישט קיין אמת'ע שמחה! (ס' שיח שרפי קודש ח"ה עמוד כו')

# מוסר השכל:

**מיט וואס איז דער יו"ט אנדערש פון סיי וועלכע יו"ט?**

זאגט דער רמב"ם: שנאמר **ושמחתם לפני ה' אלקיכם שבעת ימים...** דער שמחה פון דעם יום טוב סוכות האט א טיפערע באדייט ווי דער שמחה פון סתם א יו"ט.

סתם א יום טוב דאנקן און לויבן מיר אויף די גשמיות'דיגע טובות וואס מיר האבן זוכה געווען, ווי דער רמב"ן שרייבט (דברים טז פסוק ח' בא"ד ענין של עלייה לרגל): בדרך כלל איז דער סיבת עלייה לרגל איז בעיקר צו דאנקן און לויבן אויף די גשמיות'דיגע טובות וואס מיר האבן באקומען...

אנדערש איז אבער דער יום סוכות, וואס קומט נאך א ר"ה און יו"כ, איז דער מצוה **ושמחתם לפני ה' אלקיכם**, מיר דאנקן, לויבן און פרייען זיך אויף דעם רוחניות'דיגע טובה **"שעשה לישראל להשרות שכינתו בתוכנו"** (כמש"כ לעיל בשם הריטב"א), אז אין דעם יום טוב זענען מיר זוכה צו א ספעציעלע נאנטקייט צום אייבערשטען...

די שמחה איז א שמחה בה' ובמצותיו, ווי דער רמב"ם זאגט אינעם קומענדיגע הלכה: **והשמחה**, און וואס איז דער שמחה? **"שישמח אדם בעשיית המצוה ובאהבת הקל."**

דערפאר, איז דער אופן השמחה פון סוכות אויך אנדערש פון סתם א יו"ט ווען מען עסט פלייש און וויין. אין דעם יו"ט, דארף מען אויך טאנצן און זינגען אינעם ביהמק"ד.

און וויבאלד די שמחה אין דער יו"ט איז א טיפערע שמחה, ווערט דער יו"ט אנגערופן "דער קוואל פון שמחה". סוכות שטייט דריי מאל דער לשון פון **"שמחה"**, אנטקעגן אלע דריי רגלים... **זמן שמחתינו** מיינט צו זאגן אז יעצט איז דער מארק פון שמחה, ווער עס וויל קויפן שמחה פאר א גאנץ יאר, זאל זיך יעצט איינקויפן. און ווען מען האט אן אמת'ע שמחה, טוט דאס מתקן זיין אלע אנדערע שמחות.

ווי דער אמרי חיים זי"ע האט איין יאר סוכות מסביר געווען פאר זיינס א חסיד הרה"צ ר' מנדל גפנר זצ"ל, **"פארוואס הייסט סוכות "זמן שמחתנו"?** איר זעהט אז יעדע פרי האט זיך זיין צייט אין יאר ווען עס ווערט געצייטיגט און נאר דעמאלטס קען מען דאס באקומען. נו, וואס טוט איינער וואס האט זייער ליב א געוויסע פרי און וויל דאס עסן אויך נאך איר צייט? ער קויפט זיך איין אסאך פון די פירות בעת וואס זיי געפונען זיך אין מארק און פארמאכט דאס גוט אין אזעלכע גלאזענע פישקעס כדי דאס צו "קאנזערוועי"ן"..."

זאגט דער אמרי חיים זי"ע, "פונקט אזוי איז דער יום טוב סוכות. **זמן שמחתינו**, מיינט אז יעצט איז דער צייט פון יאר וואס שמחה געפונט זיך אין מארק, אונזער ארבעט דארף זיין איינצוקויפן ווי מער פון די שמחה אין דעם טאג און דאס "קאנזערוועי"ן"... פארן גאנצע יאר.

**ושמחת בחגיך והיית אך שמח.** זאגט דער אברבנאל זצ"ל: דאס איז אן הבטחה. **ושמחת בחגיך**, אויב וועסטו זיך פרייען אין דעם יום טוב סוכות, **והיית אך שמח**, וועסטו זיין פרייליך און גוט אויפגעלייגט א גאנץ יאר, און אויב חלילה נישט, וועסטו זיין טרויעריג....

ווי אזוי האלט מען זיך בשמחה אין דעם טעג? דורך חזר'ן איינמאל און נאכאמאל דעם פזמון **אם אני כאן הכל כאן**, ווען עס איז דא ביי מיר קירבת אלקים, דער אייבערשטער רוהט אין מיר, דעמאלטס איז **הכל כאן**, פעלט מיר גארנישט ווייל איך האב די גרעסטע הנאה!

**א פריילי'כן יום טוב!**

[1] **ווען מען טאנצט מיט די ריכטיגע כוונות, איז מען זוכה צו רוח הקודש ממש**, ווי דער מעשה פון יונה הנביא וואס איז איינמאל סוכות ארויף עולה רגל און ווען ער איז אריין אין ביהמק"ד בעת שמחה בית השואבה און זיך מיטגעפריידט מיט די גרויסע שמחה, איז פלוצלינג "שורתה עליו רוח הקודש". (סוכה נ: תוס דה וחד)

פאר סיי וועלכע הערות בנוגע דעם גליון אדער צו באקומען וועכנטליך אויף אי-מעיל,
קענט איר זיך פארבינדן מיטן עווtorah10952@gmail.com